**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/6/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול הייבט ארויס נייע צוזאמענארבעט צווישן ארבעטערס' פארגיטיגונג באורד, SUNY און CUNY צו העלפן געשעדיגטע ארבעטער באקומען אומזיסטע קאמיוניטי קאלעדש**

***בויעט אויף גאווערנאר האקול'ס SUNY/CUNY ריקאנעקט איניציאטיוו און געלונגענע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פראגראמען וועלכע שטיצן געשעדיגטע ארבעטער זיך ארויפצוריקן אינעם ארבעטסקראפט***

***צוזאמענארבעט שיינט א ליכט אויף סטעיט רעגירונג ארבעטנדיג צוזאמען פאר די טובה פון ניו יארקער***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן א נייע צוזאמענארבעט צווישן די ניו יארק סטעיט ארבעטערס' פארגיטיגונג באורד (Workers' Compensation Board) און SUNY און CUNY, צו שטיצן געשעדיגטע ניו יארקער דורך שטיצן אומזיסטע קאמיוניטי קאלעדש פאר ערוואקסענע סטודענטן דורך די SUNY און CUNY ריקאנעקט (Reconnect) פראגראמען. אונטער די גאווערנאר'ס SUNY און CUNY ריקאנעקט איניציאטיוו, טוט ניו יארק סטעיט צושטעלן אומזיסטע שכר לימוד, קאסטן, ביכער און צוגעהערן פאר ערוואקסענע אין די עלטער פון 25-55 וואס האבן נאכנישט קיין קאלעדש דעגרי און זוכן צו באקומען אן אסאוסיעט דעגרי אין א שטארק-פארלאנגטע תחום. די ניו יארק סטעיט ארבעטערס' פארגיטיגונג באורד טוט מוטיגן ארבעטער וואס זענען לעצטנס געשעדיגט געווארן זיך צו איינגעבן דורך ארויסשיקן איבער 5,000 בריוון און עפענען א נייע וועב-פעידש, [wcb.ny.gov/reconnect](wcb.ny.gov/reconnect), צו ברענגען אויפמערקזאמקייט.

"SUNY און CUNY ריקאנעקט זענען לעבנס-טוישנדע פראגראמען וועלכע האבן שוין געהאלפן טויזנטע ניו יארקער אנכאפן נייע געלעגנהייטן צו באקומען דעגריס אין שטארק-פארלאנגטע תחומים," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "אין די צייט וואס מיר ארבעטן אויסצוברייטערן די פראגראמען צו אריינעמען נייע דעגרי געלעגנהייטן, וויל איך אויך פארזיכערן אז יעדער בארעכטיגטע ניו יארקער ווייסט איבער די געלעגנהייטן וואס זיי האבן צו פארדינען א דעגרי, פארזיכערן א גוטע דשאב, און העלפן פאראויסריקן ניו יארק."

די ניו יארק סטעיט ארבעטערס' פארגיטיגונג באורד האט געעפענט א נייע שותפות מיט די סטעיט יוניווערסיטעט פון ניו יארק (State University of New York, SUNY) און די סיטי יוניווערסיטעט פון ניו יארק (City University of New York, CUNY) צו שטיצן די SUNY און CUNY ריקאנעקט פראגראמען און שטיצן ניו יארקער אין נויט. צו העלפן געשעדיגטע ארבעטער זיך לערנען נייע סקילס און טרעפן נייע קאריערעס נאכפאלגנדיג ארבעט-פארבינדעטע שעדיגונג אדער קראנקהייט, טוען די SUNY און CUNY ריקאנעקט פראגראמען צושטעלן א רעטונגס-ליניע זיי צו העלפן זיך צוריקקערן צום ארבעטסקראפט. די ארבעטערס' פארגיטיגונג באורד'ס וואקעישענעל ריהאביליטאציע קאונסעלערס (Vocational Rehabilitation Counselors), וועלכע טוען נאנט ארבעטן מיט געשעדיגטע ארבעטער

וואס זוכן זיך צוריקצוקערן צום ארבעטקראפט, וועלן ארויסהעלפן מיט'ן אידענטיפיצירן בארעכטיגטע געשעדיגטע ארבעטער און זיי פארבינדן מיט די אומזיסטע קאלעדש פראגראמען.

**NYS ארבעטערס' פארגיטיגונג באורד פארזיצער Freida D. Foster (פרידע ד. פאסטער) האט געזאגט,** "עס קען זיין גאר שווער ווען אן ארבעטער'ס שעדיגונג אדער קראנקהייט פארמיידט אים פון זיך קענען צוריקקערן צו זיין זעלבע ארבעט. אומזיסטע קאלעדש דורך די SUNY און CUNY ריקאנעקט פראגראמען קענען געבן פאר די געשעדיגטע ארבעטער נישט בלויז האפענונג, נאר עכטע סקליס און דעגריס, בשעת וואס זיי ארבעטן פאר א בעסערער צוקונפט."

**SUNY טשענסעלער John B. King Jr. (דשאן ב. קינג דשוניאר) האט געזאגט,** "אונטער גאווערנאר Hochul (האקול), טוען ניו יארקער האבן מער געלעגנהייטן ווי סיי ווען אינעם פארגאנגענהייט צו באקומען אן אויסגעצייכנטע און עפארדעבל עדיוקעישען, באקומען א דעגרי אין א שטארק-פארלאנגטע תחום, און זיך ארויפריקן אינעם ארבעטסקראפט בשעת'ן העלפן טרייבן די סטעיט'ס עקאנאמישע וואוקס. די צוזאמענארבעט מיט די ארבעטערס' פארגיטיגונג באורד איז אן אויסגעצייכנטעביישפיל פון וויאזוי גאווערנאר Hochul (האקול) נוצט די פילע געצייג אין איר באזיץ צו בעניפיטירן ניו יארקער און אונזער סטעיט אין אלגעמיין."

**די SUNY באורד פון טראסטיס האט געזאגט,** "מיר אפלאדירן גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן שטיצן די SUNY ריקאנעקט פראגראם מיט געשעדיגטע ניו יארקער וואס טוען מעגליך זוכן נייע געלעגנהייטן צו אריינקומען אינעם ארבעטסקראפט אלס טייל פון זייערע ערהוילונג באמיאונגען. דורך די שטארקע שטיצע פון גאווערנאר Hochul (האקול) און סטעיט פירער, האט SUNY ריקאנעקט געהאלפן אינספירירן טויזנטע ניו יארקער צו באקומען דעגריס אלס ערוואקסענע לערנער, און מיר וועלן ווייטער צושטעלן געלעגנהייטן ביי קאמיוניטי קאלעדשעס דורכאויס דעם סטעיט."

**CUNY טשענסעלער Félix V. Matos Rodríguez (פיליקס וו. מעטאס ראדריגועז) האט געזאגט,** "די שותפות טוט רעפלעקטירן אונזער געמיינזאמע געוויכט אויף נאכקומען ניו יארקער וואו זיי געפונען זיך נאר אין זייערע לעבנס און אויסברייטערן צוטריט צו העכערער עדיוקעישען אלס א מאכטפולע דרך צו עקאנאמישע באוועגונג און א בעסערער צוקונפט. מיר זענען צופרידן אז CUNY ריקאנעקט טוט עפענען איר טירן פאר געשעדיגטע ארבעטער צו באקומען סקילס, באקומען דעגריס און זיך צוריקקערן צום ארבעטסקראפט מיט מער זעלבסט-זיכערהייט און ציל. מיר דאנקען גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן העלפן אויסברייטערן די געלעגנהייטן פון העכערער עדיוקעישען צו אפילו מער ניו יארקער."

אלס טייל פון גאווערנאר Hochul's (האקול) [2025 סטעיט פון די סטעיט רעדע](), טוען SUNY און CUNY ריקאנעקט צושטעלן אומזיסטע שכר לימוד, קאסטן, ביכער און צוגעהערן פאר סטודענטן צווישן די יארגענג פון 25 און 55 וועלכע שטודירן פאר אן אסאוסיעט דעגרי אין געוויסע שטארק-פארלאנגטע תחומים, אריינגערעכנט פארגעשריטענע מעניופעקטשערינג, ארטיפישעל אינטעליגענץ, סייבער-זיכערהייט, ענדשינירינג, טעכנעלאגיע, נורסינג און פארבינדעטע געזונטהייט תחומים, גרינע און ריניועבעל ענערגיע, און מהלכים צו ווערן לערער/ינס אין געגנטער וואו עס הערשט א מאנגל. די גאווערנאר האט געמאלדן פלענער צו אויסברייטערן די געלונגענע SUNY און CUNY ריקאנעקט פראגראמען אלס טייל פון איר [2026 סטעיט פון די סטעיט רעדע]().

אלס טייל פון די בודשעט פאר די 2027 פינאנציעלע יאר, טוט גאווערנאר Hochul (האקול) פארשלאגן א 12.5 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג פאר די אויסברייטערונג פון בארעכטיגטע ערוואקסענע לערנער וועלכע גרייטן זיך פאר קאריערעס אין לאגיסטיקס, לופט טראפיק קאנטראל און טראנספארטאציע, און עמערדשענסי מענעדשמענט, ווי אויך עס גרינגער צו מאכן פאר ערוואקסענע לערער זיך צו צוריקקערן צו קאלעדש בשעת'ן זיין א נורס אויב האבן זיי שוין א פריערדיגע דעגרי. דאס וועט פארשטערקערן די

גאווערנאר'ס ערשטע 47 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג אין די 2026 פינאנציעלע יאר צו אוועקשטעלן די סקאלערשיפ פראגראם.

די ארבעטערס' פארגיטיגונג באורד'ס וואקעישענעל ריהאביליטאציע טיעם שטעלט צו א ברייטע אויסוואהל פון שטיצע סערוויסעס פאר געשעדיגטע ארבעטער, אריינגערעכנט אנטוויקלען א רעזיומעי, הילף מיט'ן זוכן א דשאב, זיך פארבינדן מיט ארבעטסגעבער אנבאלאנגט גרינגע אדער אנדערע ארבעטס פליכטן, און נאך. די באורד טוט אויך פארמאגן לייסענסד קלינישע סאושעל ווארקערס אויפ'ן שטאב צו העלפן געשעדיגטע ארבעטער זיך ספראווען מיט שוועריקייטן וואס קענען מעגליך באגלייטן אן ארבעט-פארבינדעטע שעדיגונג אדער קראנקהייט. אלע סערוויסעס פאר געשעדיגטע ארבעטער זענען אומזיסט. צו לערנען מער איבער די באורד'ס שטיצע סערוויסעס, באזוכט .wcb.ny.gov/content/main/Workers/lp_services.jsp
די גאווערנאר'ס 2026 סטעיט פון די סטעיט האט אויך אריינגערעכנט א פארשלאג נאך מער צו העלפן געשעדיגטע ארבעטער דורך פארבעסערן צוטריט צו מעדיצינישע קעיר. אנשטאטס פארלאנגען ספעציעלע באורד באשטעטיגונג צו באהאנדלען געשעדיגטע ארבעטער, טוט די גאווערנאר פארשלאגן לעגיסלאציע וואס וועט ערמעגליכן אלע בארעכטיגטע לייסענסד מעדיצינישע פראוויידערס מיט די רעכט צו פראקטיצירן מעדיצין, צו באהאנדלען געשעדיגטע ארבעטער.

**איבער די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק**
די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק, איז די גרעסטע ארומנעמיגע סיסטעם פון העכערע בילדונג אין די פאראייניגטע שטאטן, און מער פון 95 פראצענט פון אלע ניו יארקער וואוינען אינערהאלב 30 מייל פון איינע פון SUNY'ס 64 קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן. דורכאויס דעם סיסטעם, טוט SUNY פארמאגן פיר אקאדעמישע העלט צענטערן, פינעף שפיטעלער, פיר מעדיצינישע שולעס, צוויי דענטעל שולעס, א געזעץ שולע, די לאנד'ס עלטסטע מעריטיים שולע, די סטעיט'ס איינציגסטע קאלעדש פון אפטאמעטרי, 12 עדיוקעישענעל געלעגנהייט צענטערן (Educational Opportunity Centers), און איבער 30 ATTAIN דיגיטאלע ליטערסי לאבעטאריעס, און שטייט איבער איין נאציאנאלע לאבעטאריע פון די אמעריקאנע ענערגיע אפטיילונג (US Department of Energy). אין סך הכל, טוט SUNY סערווירן אומגעפער 1.7 מיליאן סטודענטן דורכאויס איר פארטפאליאו פון קרעדיט און נאן-קרעדיט-געבנדע קאורסעס און פראגראמען, אנגייענדע עדיוקעישען און קאמיוניטי אוטריטש פראגראמען. SUNY טוט אויך אויפזעהן אויף קרוב צו א פערטל פון אקאדעמישע פארשונג אין ניו יארק. פארשונג אויסגאבן איבער די גאנצע סיסטעם זענען געווען באלד 1.5 ביליאן דאלאר אין די 2025 פיסקאלע יאר, אריינרעכענענדיג באדייטנדע ביישטייערונגען פון סטודענטן און איינגעשטעלטע. עס זענען דא איבער דריי מיליאן געוועזענע SUNY סטודענטן ארום די וועלט, און איינס פון יעדע דריי ניו יארקער מיט א קאלעדזש דעגרי האט געלערנט אין SUNY. צו לערנען מער איבער געלעגנהייטן צוגעשטעלט דורך SUNY, באזוכט .suny.edu

**איבער [די סטעיט יוניווערסיטעט פון ניו יארק]**
[די סיטי יוניווערסיטעט פון ניו יארק] איז די לאנד'ס גרעסטע שטאטישע פובליק יוניווערסיטעט, א טראנספארמירנדע טרייבקראפט פון געזעלשאפליכע באוועגונג וואס איז א קריטישע טייל פון די לעבהאפט פון ניו יארק סיטי. CUNY איז געגרונדעט געווארן אין 1847 אלס די לאנד'ס ערשטע אומזיסטע פובליק אינסטיטוציע פאר העכערע בילדונג, און פארמאגט היינט זיבן קאמיוניטי קאלעדשעס, 11 סיניאר קאלעדשעס, און אכט אנארס, גרעדיועט און פראפעסיאנעלע אינסטיטוציעס דורכאויס ניו יארק סיטי'ס פינעף בארואס, סערווירנדיג נאנט צו 247,000 אנדערגרעדיועט און גרעדיועט סטודענטן און פארטיילנדיג 50,000 דעגריס יעדעס יאר. CUNY'ס געמיש פון קוואליטעט און אפארדעביליטי ברענגט אריין כמעט זעקס מאל אזוי פיל סטודענטן מיט נידריגע איינקונפט צו די מיטעלע קלאס און העכער ווי פון אלע 'אייווי ליגע' (Ivy League) קאלעדשעס אינאיינעם. מער פון 80 פראצענט גראדיואירטע פון די יוניווערסיטעט בלייבן אין ניו יארק, ביישטייערנדיג צו יעדער געביט פון די סיטי'ס

עקאנאמישע, ציווילע און קולטורישע לעבן, און ברענגנדיג מער פארשידנארטיגקייט צו די סיטי'ס ארבעטקראפט אין יעדער סעקטאר. CUNY'ס גראדיואירטע און איינגעשטעלטע האבן באקומען פילע אנגעזעהענע באעהרונגען, אריינרעכענענדיג 13 נאבעל פרייזעס (Nobel Prizes) און 26 מעקארטור "דשיניעס" (MacArthur genius) גרענטס. די יוניווערסיטעט'ס היסטארישע מיסיע זעצט פאר ביזן היינטיגן טאג: צושטעלן א פובליק עדיוקעישען פון די העכסטע סטאנדארט פאר אלע סטודענטן, אפגעזעהן זייערע עקאנאמישע סטאטוס אדער פון וואו זיי קומען. צו לערנען מער איבער CUNY, באזוכט [https://www.cuny.edu](https://www.cuny.edu).

**איבער די ניו יארק סטעיט ארבעטערס' פארגיטיגונג באורד**

ארבעטערס' פארגיטיגונג איז אן אינשורענס וואס שטעלט צו פארלוסט געהאלט בענעפיטן און/אדער מעדיצינישע קעיר פאר ארבעט-פארבינדעטע שאדן אדער קראנקהייטן. די בענעפיטן ווערן צוגעשטעלט פאר יעדער בארעכטיגטע ארבעטער אין ניו יארק סטעיט, אפגעזעהן זייער בירגערשאפט אדער אימיגראציע סטאטוס. די ארבעטערס' פארגיטיגונג באורד שטייט איבער די פארטיילונג פון ארבעטערס' פארגיטיגונג, דיסאביליטי בענעפיטן און באצאלטע פאמיליע אורלויב אין ניו יארק סטעיט. איר מיסיע איז צו באשיצן די רעכטן פון איינגעשטעלטע און ארבעטסגעבער דורך פארזיכערן די פאסיגע פארטיילונג פון בענעפיטן און דורך שטיצן דאס איינהאלטונג פון די געזעץ. לערנט מער אויף [www.wcb.ny.gov](http://www.wcb.ny.gov).

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](http://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן]()